**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אז פראנצויזישע קאמפאני ׳לא פערמיערע׳ צו בויען נייע 25 מיליאן דאלערדיגע פראדוקציע איינריכטונג אין דזשענעסי קאונטי**

***קאמפאני וועט בויען א 45,000 סקווער-פיסיגע יאגורט און מילכיגע נאכשפייז פראדוקציע פאבריק ביי דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק אין באטאוויע; פארשפרעכט צו שאפן ביז 135 נייע דזשאבס***

***די ניו יארק סטעיט אינוועסטירונג דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ — דער ראיאָן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן וואקסן די עקאנאמיע***

***בילדער פון ׳לא פערמיערע׳ ערד-טייל ביי AG פארק קען מען געפונען [דא](#).***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז ׳לא פערמיערע׳, א פאמיליע-באזיצטע פראנצויזישע יאגורט און נאכשפייז קאמפאני, וועט אוועקשטעלן איר פראדוקציע אפעראציעס אין ניו יארק סטעיט. די קאמפאני האט פארשפראכן צו בויען א 45,000 סקווער-פיסיגע יאגורט און מילכיגע נאכשפייז פראדוקציע איינריכטונג ביי דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק אין באטאוויע, מיט פלענער פאר נאך פארברייטערונג אין דעם צוקונפט. אלס רעזולטאט ערווארט ׳לא פערמיערע׳ צו שאפן ביז 135 נייע דזשאבס אין דעם ראיאן. אין צוגאב וועט דער קאמפאני אויסניצן מיליאנען פונט מילך באזארגט דורך ניו יארק מילכיגע פראדוקטן פאַרמער צו שאפן איר אלוועלטליך בארימטע מילכיגע פראדוקטן. אגריביזנעס איז א הויפט זייל פון דעם ארטיג-אויספלאנירטן ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ פלאן, אן אויספירליכער פלאן וואס ארבעט צו אויפלעבן און מאכן וואקסן די ראיאנישע עקאנאמיע.

״מיר שטאלצירן זיך אויפצונעמען ׳לא פערמיערע׳ צו דזשענעסי קאונטי, ברענגען דזשאבס און געלעגנהייטן צו די פינגער לעיקס ראיאן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אינוועסטירונג ווייזט אז אונזער דרייסטע ערהוילונגס פלאן פאר די פינגער לעיקס פונקציאנירט, ציעט צו זיך נייע ביזנעסער און העלפט קאמיוניטיס לענגאויס דעם ראיאן צו שטייגן און בליען.״

דער קאמפאני, געגרונדעט אין מארסיי, פראנקרייך, אין 1952, איז אפגעקויפט געווארן דורך ׳גרופע טארפיניען׳ אום 2002. אין די מיטל ביז ענדע 2010׳ער יארן האט ׳לא פערמיערע׳ אנגעהויבן ארבעטן מיט א ניו יארק סטעיט באזירטע מיט-פאקער אין א באמיאונג צו ברענגען איר שטאנדהאפטיג געפאקטע פראנצויזישע יאגורט צו דעם אמעריקאנעם מארקעט. די קאמפאני האט גענומען אין באטראכט לאקאציעס איבער׳ן לאנד פאר איר טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פראדוקציע איינריכטונג אבער האט אויסגעקליבן ניו יארק א דאנק די פאקוסירטע שטיצע פון סיי דעם סטעיט און סיי די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג צוזאמארבעטער.

**׳לא פערמיערע׳ פרעזידענט און CEO דזשען-זשאק טארפיניען האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז זייער אנצוהייבן דעם פראיעקט פאר בויען אונזער ערשטע יאגורט און נאכשפייז פראדוקציע איינריכטונג אין באטאוויע, ניו יארק. דער געוואלדיג גוטער באשלוס פון דעם סטעיט און GCEDC מאנשאפט האט אונז ווירקליך געהאלפן מיט אונזער באשלוס. דער באטאוויע ארט קומט נאך אונזער הויפט פאדערונגען פאר ערפאלג: הויכע-קוואליטעט מילך און א גרויסע קרעם סופליי, טראנספארט צענטערן און א גרייטע ארבעטסקראפט. דאס זיין נאענט צו ארטיגע פאַרמער, ביים הארץ פון מילך פראדוקציע, איז געווען דער שליסל פאר אונז, ווייל אונז וועלן ניצן ביז 6 מיליאן גאלאנען יעדעס יאר. אונזער פינף-יעריגע אנוועזנהייט אין די אמעריקאנע מארקעט האט זיך פארברייטערט פיל מער ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט. די דאזיגע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע איינריכטונג וועט אונז העלפן ערגרייכן אונזער גאר אמביציעזע צילן אין דעם אמעריקאנעם מארקעט, וועלכס טוט אנבאטן גרויסע געלעגנהייטן דורך פראדוצירן די בעסטע פולקאם-נאטורליכע יאגורטן און נאכשפייזן מיט אינאווירנדע רעצעפטן און פראצעסן.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ במקום-קאמישענערין און פרעזידענטקע און דעזיגנירטע CEO האוּפ נייט האט געזאגט,** ״׳לא פערמיערע׳ נייע פאבריק אין באטאוויע וועט שטיצן פאַרמערס, צוגעבן גוט-באצאלטע ארטיגע דזשאבס וועלכע וועלן שטיצן די מילכיגע פראדוקטן אינדוסטריע׳ס אנגייענדע וואוקס און ערפאלג, און ווייטער פארשטערקערן דעם ראיאן׳ס אגריקולטורעלע באזע. די קאמפאני׳ס באשלוס אוועקצושטעלן איר פראדוקציע איינריכטונג דא איז א ווייטערדיגע באווייז אז ניו יארק סטעיט איז אן אגריביזנעס פירער.״

**סטיווען דזשי. הייד, פרעזידענט און ׳טשיף עקזעקיוטיוו אפיסער׳ פאר דזשענעסי קאונטי עקאנאמישע אנטוויקלונג צענטער, האט געזאגט,** ״דער באשלוס פון ׳לא פערמיערע׳ אוועקצושטעלן זייער אמעריקאנע אפעראציעס אין דזשענעסי קאונטי צייגט אז אינוועסטירן אין שאָוועל-גרייטע ערטער ווי דער דזשענעסי וואלי אגריביזנעס פארק ציעט גרויסע קאמפאניס צו ניו יארק. עס פריידט אונז זייער צו ארבעטן מיט ׳לא פערמיערע׳ צו זען דעם פראיעקט ערגרייכן ערפאלג בשעת מיר טוען ווייטער מאכן וואקסן אונזערע עסנווארג און געטראנקען פאבריצירונג ארבעטסקראפט. א דאנק גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, טרעפן ביזנעסער די ריכטיגע ערטער און גרייטע קאמיוניטיס אין ניו יארק פאר זייער וואוקס.״

**סטעיט אגריקולטור קאמיסיאנער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך אויפצונעמען ׳לא פערמיערע׳ צו ניו יארק סטעיט בשעת זיי פארברייטערן זייערע ביזנעסער אין דזשענעסי קאונטי, א הויפט געווינס פאר מילכיגע פראדוקטן אין ניו יארק סטעיט. דורך אויסוועהלן ניו יארק האט ׳לא פערמיערע׳ ארויסגעהויבן די שטארקייט און פארשידנארטיגקייט פון אונזער סטעיט׳ס מילכיגע פראדוקטן אינדוסטריע, וועלכע זעצט פאר ווייטער צוציען נייע ביזנעסער און פראדוצירן געשמאקע, ערשטראנקיגע מילכיגע פראדוקטן פאר אונז אלע צו געניסן. דאס האבן די אמעריקאנע פראדוקציע איינריכטונג פון ׳לא פערמיערע׳ אין ניו יארק וועט שאפן נייע דזשאבס און העכערן פארלאנג פאר די מילך פון ניו יארק מילך פאַרמער, און דאס איז זיכער א געווינס פאר יעדן, סיי פאר אונזערע מילכיגע פראדוקטן פאַרמער און סיי פאר אונזערע קאמיוניטיס. מיר קוק ארויס מיט חשק צו ארבעטן אינאיינעם מיט ׳לא פערמיערע׳ בשעת זיי פלאנצן דא טיפעווארצלען און מיר קוקן ארויס צו די אנגייענדע ערפאלג און פארברייטערונג פון דער דזשענעסי וואלי אגריביזנעס פארק.״

**סענאטאר עדווארד עי. ראטה דער דריטער האט געזאגט,** ״שאפן דזשאבס אין אונזער קאמיוניטיס איז קריטיש-וויכטיג.  אונזער עקאנאמיע האט זיך געמוטשעט דורכאויס דער פאנדעמיע, אבער דאס האט געשאפן נייע געלעגנהייטן וועלכע וועלן העלפן מיט אויפלעבונג. איך לויב ׳לא פערמיערע׳ פאר׳ן ברענגען זייער פראדוקציע צו דזשענעסי קאונטי און איך גראטוליר באטאוויע אויף דער געוואלדיג גוטער געלעגנהייט.״

**אסעמבלימאן סטיווען האולי האט געזאגט,** ״דאס אנקומען פון ׳לא פערמיערע׳ אין דער דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק אין באטאוויע איז נאך א צייכן אז אונזער ראיאן איז ווירקליך אן וואקסנדע אגרי-ביזנעס האַט-ספּאַט אינערהאלב ניו יארק סטעיט. די פעאיגקייט פון דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק צו ערמעגליכן פאר פראדוצירער אויסצוניצן אונזער הויכע-קוואליטעט, ארטיגע מילך פראדוקטן האט געהאלפן אונזער אויסער׳ן-שטאטישע עקאנאמיע צו דעם קומענדיגן דור, העלפן אנקומען מער פון אונזערע פאַרמערס פראדוקטן צו גראסערי סטארס איבער׳ן גאנצן לאנד און צושטעלן דזשאבס פאר אונזער גאר-געניטע ארבעטסקראפט. עס איז א וואונדערבארע צוגאב צו דער אנטוויקלונג פון אונזער אויסער׳ן-שטאטישע עקאנאמיע, און איר סוקסעס זאגט עדות אויף די הויכע קוואליטעט פון וואס אונזערע פאַרמער קענען אנבאטן פאר קאמפאניס וועלכע זוכן צו פראדוצירן ספעציאליטעט פראדוקטן אויף א ריזיגן פארנעם.״

**דזשענעסי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער שעלי סטיין האט געזאגט,** ״א דאנק אייך גאר גאווערנער האוקול פאר צוציען ׳לא פערמיערע׳ צו דזשענעסי קאונטי און בויען נאך א געלעגנהייט פאר גאר גוטע קאריערעס פאר אונזער יוגנט. ׳לא פערמיערע׳, און לעצטערע אינוועסטירונגען דורך O-AT-KA מילך פראדוקטן, ׳דעירי פאַרמערס פון אמעריקע׳׳, ׳HP הוד׳, אפסטעיט ניאגארא קאאפעראטיוו, און ״יענסיס פענסי׳ ווייזן אז דזשענעסי קאונטי איז דאס בעסטע פלאץ פאר דאס שטייגן פון מילכיגע פראדוקטן פראצעסירונג. די אינוועסטירונגען האבן א ריזיגע השפעה אויף די פאמיליעס פון אונזערע פאַרמער, גאר געניטע און געטרייע פאַרם ארבעטער, שטארקע אגריקולטורעלע עקאנאמיע און ווארעם-אויפנעמענדע קאמיוניטיס.״

**טאון סופערוויזער גרעג פאסט האט געזאגט,** ״דער טאון אָוו באטאוויע פריידט זיך אויפצונעמען נאך א אינוועסטירונג אין אונזער אגרי-ביזנעס עקאנאמיע. די הויכע קוואליטעט פראדוקטן און אפאראציעס פון ׳לא פערמיערע׳ זענען גאר גוט צוגעפאסט צו אונזער קאמיוניטיס צענטער פון מילך פראדוקטן פראצעסירן, שטארקע ארבעטסקראפט טרענירונג און אנטשלאסנקייט צו שטיצן ביזנעס וואוקס.״

**פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג מיט-פארזיצער באב דאפי, פרעזידענט און CEO פון ׳גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאָמערס׳, און דעניס בעטעלס, פרעזידענטקע פון SUNY דזשענעסעא האט געזאגט,** ״די מילך פראדוקטן אינדוסטריע איז א הויפט טרייבער פון דער ארטיגער עקאנאמיע. דאס איז גאר גוטע נייעס פאר דזשענעסי קאונטי און פאר׳ן ראיאן בכלל. מיר ווילן דאנקען ׳לא פערמיערע׳ פאר׳ן אויסוועהלן צו מאכן דער באדייטנדער אינוועסטירונג ביי דעם בליענדן אגרי-פארק אזוי ווי דער פראיעקט וועט שאפן שטארקע באשעפטיגונג געלעגנהייטן און גלייכצייטיג שטיצן דער שטארקער מילך פראדוקט פאַרם אינדוסטריע וואס געפונט זיך לענגאויס דעם פינגער לעיקס ראיאן.״

**קאטארין יונג, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דעם ניו יארק סטעיט צענטער פאר אויסצייכענונג פאר עסנווארג און אגריקולטור ביי קארנעל אגריטעק האט געזאגט,** ״׳לא פערמיערע׳ איז א פרעמיערע יאגורט קאמפאני, און עס פריידט אונז זייער אז זיי פארברייטערן דזשאבס, עקאנאמישע וואוקס און דער מילך פראדוקטן אינדוסטריע אין מערב ניו יארק. היינט מער פון אלעמאל דארפן אונזערע קאנסומענטן ארטיג-פראדוצירטע עסנווארג, און פאַרמער דארפן ארויסלאז-פונקטן פאר זייער מילך אויף צו קענען העכערן רווחים. ניו יארק זעצט פאר ווייטער צו זיין דעם פירנדן אגריקולטורעלן סטעיט אין דעם צפון-מזרח, און קארנעל אוניווערסיטעט שטייט גרייט מיטצוטיילן איר ריזיגע קענטעניס אין עקאנאמישע אנטוויקלונג, עסנווארג וויסנשאפט, פראדוצירן מילך פראדוקטן און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו העלפן די קאמפאני און די מילך פראדוקטן אינדוסטריע שטייגן און בליען. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט ׳לא פערמיערע׳ אזוי ווי זיי העכערן זייערע פראדוקט ליניעס און בויען זייער נייע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע פאבריק אין אונזער סטעיט. מיר שעצן און לויבן יעדער וואס האט געארבעט אלס א מאנשאפט צו מאכן דעם פאנטאסטישן פראיעקט א ווירקליכקייט.״

**׳גרעיטער ראטשעסטער ענטערפרייז׳ פרעזידענט און CEO מעט הורלבוט האט געזאגט,** ״׳לא פערמיערע׳ פארברייטערונג ביי דער דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק אין באטאוויע פלאצירט אינ׳ם הארץ פון די ניו יארק סטעיט מילך פראדוקטן אפשייד, מיט צוטריט צו א פולשטענדיג-אינטעגרירטע סופליי-טשעין זיי ארויסצוהעלפן מיט טראנספארט. ׳לא פערמיערע׳ שליסט זיך אן מיט איבער 250 עסנווארג און געטראנקן קאמפאניס און סופלייערס אין דעם גרעיטער ראטשעסטער ראיאן וועלכס ניצט אויס די קאמיוניטי׳ס רייכע אגריקולטורעלע אייגנשאפטן, ערשטראנקיגע פארשונג און אנטוויקלונג פעאיגקייטן און אן ארבעטסקראפט שטארק טרענירט אין פרעציז-פאבריצירונג, אינזשינערונג און פעקעדזשינג.״

**׳אינוועסט באפעלאו ניאגארא׳ פרעזידענט און CEO טאָם קוטשארסקי האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז זייער אויפצונעמען ׳לא פערמיערע׳ צו מערב ניו יארק. ׳לא פערמיערע׳ שליסט זיך אן אין דעם ראיאן׳ס גיך שטייגנדע עסנווארג און מילך פראדוקטן פראצעסירונג, איינע פון די שטערקסטע אין דעם לאנד א דאנק איר שטארקע ארבעטסקראפט, צוגענגליכקייט, נאענטקייט צו הויפט מארקעטס, סופליי-טשעין צוטריט און נאך. איר באשלוס טוט אויך פארגילטיגן אונזער פעאיגקייט צוציען אינטערנאציאנאלע קאמפאניס און זיך פירן אלס א נאטורליכע פארנט ארייגאנג צו דעם צפון אמעריקאנע מארקעט.״

פאר נאך אינפארמאציע איבער ׳לא פערמיערע׳, באזוכט: https://www.lafermiere.us/.

פאר נאך אינפארמאציע איבער דזשענעסי וואלי אגרי-ביזנעס פארק, באזוכט: http://www.gcedc.com/AgPark.

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

**וועגן ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**
׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418